33

# די
# וואונדערליכע רעטטונג

איינע זייער שיינע גישיכטע, וואס האט גיטראפין אין יאר 1672 אלס די פאלען האבין מיט דיא טירקען גישטריטין, וויא איינע אידישע פרויא האט גאנץ פאלען גירעטעט.

איבערזעצט דורך מל״א ממינסק.

ווילנא
שנת תרמ״א לפ״ק

ВУНДЕРЛИХЕ РЕТУНГЪ,
Чудесное спасеніе Соч. М. Азгура.
ВИЛЬНА.
Въ тип. Фина, Розенкранца и Шрифтзетцера. 1881.
На Виленской улицѣ домъ № 71 5/24

M. AZGUR



עס וואר אים יאהרע 1672 אלס דאס פאלק פאלען האבין זיך צווישען זיך געקריגט, זייערע קניאזין זייערע גרויסע לייט האבין איינע מיט די אנדערע ניט גישטימט אין די גאנצע לאנד פאלין איז אונרוהיג גיוועזן, זייא זיינען איינע די אנדערע שונאים גיווארין, האבין זיך דאמאלס די טירקין מיט דער צייט רעכט בענוצט, מיט דעם וואס דיא פאלען זיינען צווישין זיך צודריסען גיוועזן, אונ זיינען אנגיפאלין אויף די פאלען, זייא האבין זייער ארמייע צו שלאגין, פיל אויס גהרגת אונ האבין גאנץ אוקריינא, פאראלען אויך דיא פעסטונג קאמיניץ איין גינומען אונ דעם פאלנישען קעניג מיכאיל וויסנאוויצקי אזוי פיל געצוואונגען, ביז ער האט גימוזט די טערקין זייער פיל נאכגעבין אונ מיט זיי פרידין שליסין, אונטער זייער שלעכטע בעדינגונגען, ער האט זיך גימוזט אונטער געבין אונ זייער גרויסע טריבוט (קאנטערבוציע) איין צאהלין, דורך וועלכע דאש גאנצע פאלק פוילין האבין גימוזט פיל געלד ליידען, וואס דאס האט זיי זייער גיאיינגט, דאש איז גיוועזן איבער זייערע קרעפטין אונ האבין אזעלכע גרויסע צאהלונגען ניט גיקאנט אויש האלטין.

אין אזוי אשלעכטין צו שטאנד, אין אזוי איין אונגליק האבין זייא ערשט פארשטאנען וואס קריג בעדייט, וויא שלעכט דאס איז אז קיין שלום איז נישא צווישין זיך אונ בפרט נאך אין זייער גאנצער לאנד, זייא האבין רעכט צו גיזעהן, וויא גוט עס איז אז איין פאלק שטימען איינע מיט דיא אנדערע, זיי האבין אויך רעכט פאר שטאנען וויא אלע מוזין ליבין זייער קאניג, זייער פאטערלאנד, וויא מען מוז מיט דעם גאנצין הארצין דעם קייזער העלפין מיט געלט מיט מענשין, מיט אלע מעגליכקייט דאמאלס קען מען רוהיג לעבן, דאמאלס וייס יעדער מענש אז זיינע מיהע וועט לאיבוד ניט גיין, דיא הייזער וואס ער האט גיבויט וועט אין גאנצין זיין, די סחורה וואס ביי אים אין גישעפט גיפינט זיך איז דאס זיינע, אונ אלע זיינע מיהע קען קיינער ניט אוועק נעמען, ווייל עס איז פאראן אהעכערער איבער אלעמען, וועלכע אלע געהארכין אים, דאס הייסט דער קייזער, אים מוזין אלע פאלגין אלע מוזין זיך פאר אים פארכטין, אונ ער זארגט שוין פאר אלעמען אייער

דעם

דעם אנגרעדין זאל קיין שאדין ניט טאן אונ בפרט ער חוט אונז פאר דעם אוים חייגגסטין פיינד .

אונזערע פוילין האבין אויך גוט איין געזעהען, וויא אנגליקליך זיי זיינען געווארין, אז זיי האבין זיך גיקריגט צווישין זיך אונ זיינען צווישין זיך צו ריסין געווארין, דרום האבין זיי זיך אלע צו זאמען גיקליבין, האבין רעכט בעדויערט זייער שלעכטין צושטאנד, אונ זיינען צו גישטאנען צו איינעם אנעהויבין, אנגרויסין העלד ביא דיא קאזאקין מיט דעם נאמען זאביסקי, ער זאל זיי העלפין, דיזער זאביסקי איז גיוועזן אקלוגער אונ אגוטער מענש איין גרויסער העלד, שוין ניט איין מאל האט ער מיט די טערקין אונ מיט די טאטארין מלחמה גיהאלטין, ניט איין מאל האט ער שוין מיט זיי אלס פעלדמארשאל גישטריטין, אלזא האבין די פוילין אים גיט אבגיטראטין ער זאל ביי זיי איבר דר ארמיע איין פעלדמארשאל ווערין, ער זאל זיך נוקם זיין איבער דעם בארבארישען פיינד וואס זויגט אוים פון זייא דיא בלוט, וואש נעמט צו ביי זיי זייער האב אונ גוטץ .

דער זאביסקי האט גלייך אלע זייערע קניאזין צו זאמען גיקליבין, ער האט מיט זייא פיל גירעט פון דעם אונגליק, אז איין נאראד לעבט ניט אין פרידען, ווען מען איז צוריסין צווישין זיך, אונ ווידער פון דעם גליק, ווען אלע שטימען איינע מיט דיא אנדערע, ווען איין נאראד איז איינגישטימט קען קיינער דאמאלס צו זייא ניט צו שטיין, אלזא האבין אלע מיט איין שטימע אוים גישריען פרידען! פרידען, זיי האבין זיך הערצליך פעראייניגט, אונ בעפריינדעט, יעדער האט געלד גגעבין נאך זיינע קרעפטין אונ אויך איבער דיא קרעפטין אונ האבין איין פעסטין בונד צווישין זיך גישלאסין, געגין דען טערקין רעכט פלייסיג צו שטרייטין, דעם שווערין יאך פון דער קאנטריבוציע פון זיך אראפ צו ווארפין ,

דער זאביסקי איזט זעלבסט איין זייער רייכער מאן גיוועזין ער האט אליין אויך זייער פיל געלד גיגעבין אונ האט פיל זאלדאטין אויף זיינע אייגענע קאסטין גיזאמילט, ער איז גיווארין איבער דער ארמיע דער אנפיהרער אונ איז ארוים געגין דען טערקין, געגין דעם פיינד

דער



דער קריסטין, פון דער לאנד פוילין הערוים צו יאגין .

בלוטיגע שטרייטען האבין זיך ווידער אנגעפאנגען, עס איז זייער אגרויזיג גיווארין אין דער גאנצער לאנד, דאך אבער זיינען אלע גישיקטע העלדין אונ טאפפערע זאלדאטין מיט פלייס גיגאנגען פון דעם פיינדע ראבע צו נעמען, אונ דער זאביסקי האט זיך זא אוים גיצייכנט ער האט דיא טירקישע ארמיע אייניגע מאל זא גישלאגין, ער האט זייא זא ניעדערגעדריקט, אונ דיא פוילישע פאהנען מיט פראהליכעם זיעג (נצחון) גיקריינט, דאס אלע האבין זיך זייער גיפרייט מיט זיינעם זיעג, אונ פערעהרען אים אלס זייער רעטער, זייער העלד, אונ אים יאהרע 1675 אלס זייער אלטער קעניג מיכאיל וויסנאוויצקי איז גישטארבין, האבין אלע מיט איין שטימע דעם זאביסקי פאר זייער קיניג אוים גיקליבין, זיי האבין אים גלייך פון פעלדלאגער נאך הויזע גירופין, זיי האבין אים וויא זייער גיוואהנהייט גיוועזין איז, פאר זייער קיניג גיזאלבט .

אלס נייער קיניג האט זאביסקי אלעס אין ארדנונג גיבראכט אונ אין איניגע טעג ארום איז ער ווידער נאך דעם פעלדלאגער אוועק גיצויגין אום דורך זיינע טאפפערקייט אונ טריידהייט צום נאראד פוילין מוט פריגם זיי גאנץ פון דעם פיינד צו בעפרייען אונ זיי צו בערוהיגין .

דעם מאל איז אים דער גליק ניט אזו גינציג גיוועזין, זיינע טאפפערקייט האט אים ניט גיהאלפין וויא פריער, וויל דער טערקישע אנפיהרער האט מיט ליסט דעם זאביסקי גינארט, אנשטאט מיט אים אויף דאס פרייע פעלד צו שטרייטין, וואו דער זאביסקי זייער גיניט אונ גישיקט איז, וואס געגין זיינע טאפפערקייט האבין דיא טערקין ניט גיקאנט באשטיין, האבין זיך דיא טערקין באטראכט, ליבערסט אן מלחמה אוים קומען, אונ האבין זיך גימאכט אזוי וויא זיי אנטלויפין פון אים אונ וויא דער זאביסקי האט זיך גילאזין נאך זיי לויפין, האבין זיי אים גלייך מיט צעהן מאל מעהרער ארמיע פון אלע זייטין ארום גינומען אונ דער זאביסקי מיט זיינע ווייניגע חיל זיינען אין מיטין גיבליבין דיא טערקין האבין זיי רעכט איינגישלאסין אונ האבין צו זיי קיין זאך ניט צו גילאזין, קיין עסין, קיין טרינקען אונ אלעס וואש צום שטרייט נייטיג

אין

איז. דיא טערקין האבין זיך שוין רעכט גיפרייט דעם נייעם קיניג זאביעסקי גיפאנגען צו נעמען, אין זייער הויפט שטאט קאנסטאנטינאפאל אים מיט פרייד אריין צו פירין, אונ דיא יונגע לייט מיט זיך אויף זייערע מערק פאר שקלאווען צו פאר קויפין.

צו גלייכער צייט איז אויך דארטין ביי דר ארמייע אין דער גרויסער שטאט צוראווינע גרויש הונגער גיווארין, קורץ דער פאלנישער ארמייע איז זייער איינג גיוועזן, אונ דיא טאטארין, וואס זיינען גיוועזן צו זאמען מיט דיא טערקין, האבין שוין זייערע בארבארישע טהואונגען אן גהויבן זיי האבין אלץ אפ גינומען, גירויבט, גימארדעט, פרויען אונ קינדער צו דיא עקין פון דיא פערד גיבונדין אונ מיט זיך אוועק גישלעפט אן בארמהערציקייט אלע זייערע טהיראנישע מעדהדיי אויף דען אונ גליקליכין ערפילט, קורץ דער יאמער וואר דארטין זייער גרויס.

אם 5 טען נאוועמבער זיינען צוא זאמען גילאפין פון אלע זייטיגע דערפער, פון אלע פאר שטעדטלאך דיא איין וואהנער, בויערין אונ עדעל לייט מיט ווייב אונ קינדער, מיט זייערע האב אונ גוטץ צוא דער גרויסער שטאדט ביאלאפאל, דארטין פון דיא בארבארען זיך צוא באהאלטין, זייא האבין זייא דער ציילט וויא אונבארמהערציג דער פיינד בגייט זיך מיט יעדען איינציגין איינוואהנער, עס העלפט ניט קיין בעטין, קיין געוויין, אלעס בערויבין זייא, ברענען אונ ברעכין, מארדין אונ שטעכין, אונ שלעפין אן רחמנות מיט זיך אלע יונגע לייט, פרויען אונד קינדער פיר שקלאווען צוא פאר קויפין. —

דער גובערנאטער פון דער שטאט ביאלאפאל, איין קריגסמאן, איין גרויסער העלד, ער איז שוין פיל מאל גיוועזן אין מלחמות מיט דיא טירקען אונ טאטארען, ער וויים זייער גוט׳ וויא צוא בעשיטצען זיך געגען זייא, ער האט אן גיהויבין צו מאכין פאר ברייטונגען צום שטרייט געגען דעם פיינד, די אלטע לייט, ווייבער אונ קינדער האט ער אין שלאס אריין גיבראכט, אונ אלע וועלכע קאנען זיך נאר וועהרין, האט ער אליכין גיוועהר גיגעבין גאר אן אויסנאהמע, דען אדעל דען קויפמאן, דען בויער, דען קריסט מיט דעם יודען צו גלייך, ער האט

אלעמען



אלעמען אויף געמונטערט, ערוועקט געגען דעם פיינד צו קעמפפען, אין שטאט ניט אריין צו לאזין, אלע וואלען ארום אוים גיבעסערט אונ מיט האראמאטין ארום גישטעלט, געגען דעם פיינד זיך צו פאר וויכערין, זיך צו בעשיטצען. —

אם 7 טען נאוועמבר אין דער פריה איז איין בויער גיקומען רייטענדיג אונ מעלדעט, דאס דיא טאטארין זיינען שוין גאנץ נאהענט, באלד האט מען אלע טויערין פעסט געשלאסין אונ מען האט שוין קיינעם ניט מער אריין גילאזין, עס איז שוין דיא שטאדט פול מיט מענטשין גיוועזן, דאס מער איז שוין אומעגליך גיוועזן אריין צו לאזין, הונדערטער מאנער מיט ווייבער אונ קינדער ליגין צו שפרייט ארום שטאדט, בעטין זיך מיט יאמער אונ קלאגין, זייא צו בעשיטצען, אין שטאדט אריין צוא נעמען, מאגנאטין רייך גיקליידעט, פרויען אין מארדער פעלצין, בארפוסע בויערין אין לייווואנד געקליידעט, יודען אין שווארצע קאפטאנען, איהר גישריי איר לארעם, איר יאמער, איר געוויין צו רייסט דאס הארץ, אבער דער גובערנאטאר ערלויבט ניט, אונ הערט זייא ניט אויף קיין פאל, דען ער זאגט ווען מיר זאלין אזו פיל מענטשין אריין נעמען אונ איבער זייא ערשט רחמנות האבין, וועלין מיר אלע אין איינינגע טעג דעם זעלבין אונגליק האבין אלס זייא ערשט, אלע וועלין זיין אוים גישטרעקט צום שווערד, ווייל מיר וועלין ניט האבין וואס צו עסין, פאר אזו פיל טויזינדער מענטשין, וועלין מיר דאך אלע אונגליקליך ווערין וויא זייא יעצט אויסער שטאדט, מיר קאנען דאס ניט אונ מיר טארין דאס ניט, וויא וויים מיר קאנען מוזין מיר זיך ראטעווען אונ האפין צו גאט...

אלס זייא האבין דרויסין גיזעהען, דאס זייער יאמער אונ גיוועט ווערט ניט צו גיהערט, אונ אלס זייא האבין אליין פאר שטאנען אז די שטאדט לייט קענען זייא ניט העלפין, זייא קאנען זיך ניט איבער זייא דער בארימען, ווייל זייא זיינען דאך אליין אויך אין געפאהר, זייא ברויכין זיך זעלבסט צו בעוואהרין געגען אזו איין מארדערישען פיינד, זא זיינען זייא אוועק יעדער וואוהין ער האט גיקאנט, אטהייל זיינען

גילאפין

גילאפין אין וואלד זיך צו באהאלטין , אונ אטהייל זיינען גיטאפין , וואוהין דיא פים האבין זייא גיטראגין אונ אטייל זיינען גיבליבין אויף דעם ארט ארום דיא וואלין פון שטאדט אונ שרייען אונ בעטין נאך מען זאל זייא העלפין אונ ערווארטין נעבאך איר שרעקליכען שיקזאל . . .

אלס עס איז נאכט גיווארין , זא האט מען דער זעהען , וויא איינינע אונ צוואנציג דערפער אונ קליין שטעדטליך ארום אין בראנד שטעקען , דיא פלאמען צום רויטהען הימל העראויף שטייגען . . .

דיא בעוואוהנער פון שטאדט ביאלאפאל פאר שטייען שוין גאנץ גוט , אויף וואס פאר אכיבוד זיי האבין דא צו ווארטין , צו וואס זייא דארפין זיין אן גיברייט , וויא וויים זיי דארפין זיך מעהרין אונ בשיטצען געגען אזעלכע בארבארען , געגען אזעלכע פיינד , מיט אזעלכע מהירהאנען צו קעמפפען . . .

אלס עס איז טאג גיווארין , זא האט מען דער זעהען וויא איינינע טאטארען אויף זייערע קליינע פערד נעהערען זיך צום שטאט , וויא זייא האבין זיך איבער דיא שנייא ווייסע פעלדער פאר שפרייט , אזו נאהענט פון שטאדט אז מען האט גיקאנט רעכט דייטליך זעהען זייערע ברוינען געזיכטער מיט דען בליטצענדען שווארצין אויגען אונטער זייערע רויטהע פירעקיגע מיטצען פאר שטעקט . . .

איין שאס פון דיא וואלין האבין זיי איין ווייניג פאר טריבין , דאך אבער מיט יעדער מינוט , קעהרין זייא זיך צוריק אונ פאר מעהרען זיך גאר אן צאהל , זייא האבין די גאנצע שטאדט ארום געקרייזט אונ זייער אנפיהרער פערלאנגט אז דיא שטאדט זאל זיך אונטער געבין .

דער גובערנאטאר האט גיענטפערט גאנץ קאלט אונ געלאסין : אונזער שטאדט איז גוט בעפעסטיגט מיט איין שלאס אונ מיט וואלען , צום שטרייט זיינען מיר אן גיברייט , אונ מעהר אז אויף איין יאהר זיינען מיר מיט אלע פריפאסין אן געגרייט , מיט קוילען אונ פולווער , מיט עסינוואהרג אונ אלע געטראנקע בעזארגט . . .

דער אנפיהרער דרייט זיין שווערד אין לופטין , וועלכער גלאנצט פון זאהנענשיין אונ איז שנעל אוועק גילאפין צו זיינע לייט , עס האט

אוים



אוים גיוויזין , אזו וויא ער איז זיך מיט זייא מיישב וואס צו טאן , אונ פלוצלונג האבין זייא אן גיהויבין מיט אהויבען גישריי ארום אלע זייטין פון שטאדט ארום צו לויפין , אונ אין איין אויגענבליק האבין זייא פון אלע זייטין אן גהויבין צו רעגענען מיט קוילין , פון שטאדט ענטפערט מען זייא דאס גלייכין גאנץ פלייסיג , מען בלייבט זייא ניט שולדיג אונ עס זיינען פון ביידע זייטין פיל געטאדט אונ פאר וואונדעט , עס האט זא איינינע שטונדין געדויערט , — דאן האבין זייא אן גיפאנגען זייערע מעדערי אוים צו איבען , אויף דיא וואס זיינען נעבאך ארום שטאדט גיבליבין , זייא פאנגען דער ווילדע מיט זייערע שלינגען די אונגליקליכע אונ שלעפין זייא מיט זיך גאר אן בארמהערציגקייט , יעדער קעהרט זיך מיט זיינעם שנעלין פערד איינינע מאל צוריק נאך אזעלכע אפפערין . . אונ מען זעהט נאך מעהר שרעקליכער וויא זיי טרייבין דיא מענטשין פון וואלד , וואו זייא האבין זיך בהאלטין , אזו וויא גאנצע שטאדעס שעפסין אונ שלאגין אונ הארגענען , ווער נאר עס גייט ניט אזו גיך נאך זייא , אונ איבען אויף זייא אלע זייערע בארבארישע געפיהלע .

אלס עס איז טאג גיווארין זעהט מען , וויא נאך איינע גרעסערע ארמיע איז צו זייא צו גיקומען אונ האבין זייערע לאגערין ניט וויים פון שטאדט צו שטעלט , דאס זיינען גיוועזין דיא טירקען אליין , — אונ געגען אבענד איז זייער אנפיהרער דאס הייסט דער פאשא מיט זיינע גרעסטע לייט ארום שטאדט גערייטין , אזו וויא זיי האבין גיזוכט דיא שוואכערע זייט פון שטאדט , אונ עס האט אוים גיוויזין אזו וויא ער ווייזט , אז געגען איהם וועלין דיא שטאדט לייט ניט קענען באשטיין .

דיא גאנצע נאכט איז אין לאגער גאר שטיל גיוועזין אזו וויא זייא האבין גירוהט אונ בערייטין זיך צום קומענדין טאג , אבער אין שטאדט ביאלאפאל האבין נעבאך קיינער ניט געשלאפין אלע האבין גיווארט און געפירכטעט , אין שלאס אונ אויף דיא וואלען יעדער ביים זיינער זאך איז אן גיברייט דעם פיינד רעכט ענטגעגען צו שטיין זייא צו אנטווארטין . . .

דיא

דיא גרעסטע אן ברייטונג אבער איז גישעהען אין דעם יודען קווארטאל, וועלכע האבין זיך מיט גרוים מוטה אונ טאפפערקייט געגען דעם פיינד צוא גיברייט, דיא שוואכע ארומע אונ בלייכע יודען, וועלכע האבין נאך קיין מאל קיין מלחמה ניט גיפירט, זיינען ערשט פרייא אונ מוטהיג גיוועזן אונ דער פריינדליכער גובערנאטאר האט זייא מיט אלע כלי זיין בעזארגט, זייערע ווייבער אונ מאדכען האבין וואסער געזאדין, פעך גיקאכט פון דיא וואלען דעם פיינדע כיבוד צו געבין, דיא קנאבין האבין גישארפט אונ גישליפט שפיזין אונ פיילן, האבין באגענס גיבויגין, אונ שמירין זייערע גיוועהר מיט גיפט, דיא אלטע לייטע בערייטין זיך מיט אלע מיגליכקייט, דיא פאר וואונדעטע צוא פאר בינדען אונ פון נפלאטץ אלעם אוים צוא ראמען אונ אוועק צוא טראגין...

אין איינעם גיוועלבטען שטיינערנעם הויזע, וואס דאס איז דאס איינציגער מויער אין דעם גאנצין יודען קווארטאל פון ביאלאפאל גיוועזן, האט גיוואונט איין זייער רייכער קויפמאן, מיט דעם נאמען, אברהם אבראהאמעק, ער איז אויך וויא אלע בשעפטיגט מיט דיא געוועהר זיך אן צו ברייטין, זיך צום שטרייט צו פאר פערטיגין, אן צו וואפנען, ער איז גיוועזין קרעפטיג אונ שטארק אלס איין רייכער מאן פון פיל רייכקייט פון פיל פערמעגען, איין גרויסער העלד וואול גיבויט, פון גוטין אונ פרייען לעבין איין גיוואקסין, וואס אונטער דיא יודען בייא יענער צייט איז דאס אזו אמענטש זעלטין גיוועזן צו זעהען, אויף אים האט נאך גירוהט דיא העלדישע פאלעסטינעשע מוטה, אז יודען זיינען נאך איינע פרייע פאלק גיוועזין, איין פאלק פון הירטען אונ קריגערין, וועלכע פון דער לאנגער צייט פון יאהר הונדערטין איז מעהר אונ מעהר פאר לארין גיגאנגען אונ זיינען גיווארין אפאלק פון קרעמערין אונ קנעכט אונ שוואכע גישעפפע. דער אברהאמעק האט איבער זיינעם שווארצין קאפטאן, מיט וועלכע זיינע ברידער, דיא יודען, פאר ליעב אן נעהמען, האט ער גיטראגין נאך איין אויבער קלייד מיט טייערין דונקעלן פעלץ בדעקט, איין שווארצע שאמעטענע מיטץ

איז



איז אויף זיינע גילדערנע לאקען פעסט גיזעסין, ער האט איינען לאנגען טירקישען שווערד אונטער זיין גארטיל גישטעקט, האט אויף זיך איין שווערין ביקס גיטראגין אונ זיינע צוויא טאשין מיט קוילין אונ פולווער אן געפיהלט אונ זיינע דינער גיסין אים נאך קוגעלן אונ שלייפין זיינע לאנגע לאנצע.

פלוצלונג האט זיך דיא טיר אויף גיעפינט אונ איין יונגע פרויא פון בלענדענדער שאנהייט איז אריין גיגאנגען, דאס איז גיוועזין דיא פרויא פון אונזערין אבראהאמעק, פון דעם רייכין קויפמאן, עס האט אוים גיוויזין אזו וויא זיא איז ערשט פון שלאף אויף גישטאנגען, וויל זיא איז נאך אין נאכט קליידער איין גיוויקילט גיוועזין אונ איז אזו אריין גיגאנגען, זיא האט איין לאמפ אין האנד גיהאלטין, איר לאנגליכע גישטאלט, דיא ווייכע גלידער פון איר יונגענדליכען קערפער, איהרע שיינע טרוימערישע געזיכט, האט אוים גיוויזין וויא די געטין פון ליבע אליין, וויא איינע ליעבליכע, וואונדערשאנע ראזע. איר פרייע מוטה, איר פרייליכעם הערץ האט אוים גיוויזין וויא איינע גרעפין, וויא איינע קייזערין איינע בעהערשערין, אונ איהרע פייערינע מוטהיגע אונ ליעבליכע אויגין אזו וויא איינע געטליכע העלדין. זיא האט אוועק גישטעלט דעם לאמפ אויף דעם טיש אונ האט אוים געשריען מיט איין לויטין גישרייא „וואס זאל דאס«! וואס הייסט דאס! מיך האט איהר גילאזין גיין שלאפין, מיך האט איר גישיקט רוהען? ווען אונז אלעמען אזעלכע געפאהר אונ שרעקין דראהעט? ווען יעדער זיך צום שטרייט בערייטעט, ווען יעדער ריכט זיך מיט זיין לייב אונ לעבין מיט דעם פיינד צו שטרייטין, זיין לעבין אין שפיל צו זעטצין, זיין בלוט צו פאר גיסין, אונ מיך אזו וויא איינע שוואכע שרעקעדיגע פרויא אין מיינע געצירטע זאלען פאר שטעקין?. ניין! ניין! איך בין ניט אזו אווייב וואס שרעקט זיך, וואס פאר קריכט אונ בהאלט זיך, ווען דיא מאנער איהר ברוסט דעם פיינדע אוים שטעלין, זיך צו רעטען, זיך צו פאר טהיידיגין דעם פיינד געגען צו שטיין, ניין! ניין! איך ברייט זיך אן מיט אייך צו גלייך, איך וועהרע מיך גלייך

אלר

אלס איינע מענער, טאפפער אונ פלייסיג װעל איך קאמפפען, איך טהייל מיט אייך דען קאמפף אונ דעם זיעג, אדער נידערלאגע אונ טאדט.

מיינע געליבטע יודיט! מיינע טהייערסטע וויב! שרייט דער רייבער אבראהאמעק, מיין זיסעס לעבין, וואס ווילסטו דיך אין געפאהר שטעלין, וויא קומסטו איין פרויא צו שטרייטין, פאר דיר גייא איך דאך דען פיילין ענטגעגען, חען איך וייס אז דוא ביזט נאר אין זיכערהייט, — אבער ווען דוא וועסט מיט מיר צו גלייך אין שטרייט גיין, דאמאלס בין איך שוואך, מיין הארץ איז אין ציטערנעס אונ מיינע אויגין זיינען געבלענדעט דיך אין געפאהר צו זעהען. גייא צוא הויזע, זייא דוא אין זיכערהייט אונ מיר וועלין זיך שוין גינוג וועהרען דעם פיינד צו פאר יאגען, איך וועל קעמפפען מוטהיג אונז צו רעטען, אונ דיר וועל איך יעדען אויגענבליק נאכריכט געבין פון אלעס, נאר זייא דוא רוהיג, זייא ניט אין געפאהר אוים געשטעלט. דיא שאנע יודיט שאקעלט מיט אונווילין, מיט צארין דעם קאפף, די דונקעלן לאקען אירע פליהען ארום אונ זאגטע בייזע: וואס זאל מיין שיקזאל זיין? ווען דו מיין הארץ, מיין ליבער מאן, חלילה וועסטו אין שטרייט פאלין, זאל איך דעם פיינדע נאר אין שטאט אויף געמען, זאל איך דעם טירקען הונד אלס שקלאווין זיין, זיינע בלוט דירשטיגען ליפפען קוסען, ניין! ניין! מיט דיר צו זאמען וויל איך געגען דעם פיינדע שטרייטין, מיט דיר צו זאמען וויל איך לעבין אדער מיט דיר צו גלייך שטארבין. אומזאנסט האט איר דער ליבער מאן געבעטין, אומזיסט איז געוועזין זיינע רייד, פערגעבענס קושט ער איהר די הענד זיא זאל אפ שטעהען פון איר פערלאנגען, עס האט קיין זאך ניט געהאלפין עס איז געבליבין אויף דאס איהריגע.

יודיט האט אן גיטאן אויף זיך דעם זאק מיט פולווער, מיט קוילין אונ געוועהר אונ קלעטערט מיט דיא מענער צו גלייך, זיא קריכט מיט זייא אויף דעם וואל, זיא זאגט זייא צו, דאס זיא וועט זייא דיא ביקסין העלפין אן שלאגין, זיא וועט זיי אלעס דער לאנגען צום האנד — אונ געשווינד האט זיא פון זיך אראפ גיווארפין דיא שלאף קליידער

אונ



אונ האט זיך אן גיטאן אין איין ווארעמע קלייד מיט מארדער פעלץ בעשלאגין, איהרע שאנע לאקען האט זיא אוים געפלאכטין מיט שנירלאך פעריל, גוט פאר שטייפט אונ האט זיך זייער שיין אוים געצירט אונ גייט גלייך מיט איר מאן אויף דעם וואל הערויף. —

דיא נאכט איז געוועזין ארוהיגע, דער פיינד האט נאך געשוויגין, עס איז קוים טאג געווארין, קוים האט דיא זאננע מיט אירע שטראלין דעם גאנצין קרייז בעלויכטין, האבין די טערקין אן געהויבין צו שטורמען אונ וויא איין רעגין האבין זיי דיא גאנצע שטאט מיט קוילן אונ הרמאטין בעווארפין אונ האבין אן געהויבין דיא ווענט צו ברעכין.

דיא בעלאגערטין האבין זיי געענטפערט מיט פלייס אונ זיינען זיי ניט שולדיג געבליבין, זיי האבין זיך געראטעוועט מיט טאפפערקייט אויף אלע פונקטין, דער שיסין האט געדויערט איינגע שטונדין נאך אנאנדער אונ פון ביידע זייטין האט ווייניג געשאדעט, אונ דיא שטאט לייט האבין זיך זייער געשראקין פאר זייערע דינע ווענד פון דיא מויערין, ווען דער פיינד זאל נאך אנאנדער שיסין אויף איין ארט, צום גליק אבער זיינען דיא טערקין ניט געווייגט אויף איין ארט אפולע צו פארברייננגען, אונ וויא גיך זיי קומען אזוי גיך גייען זייא אוועק, ווען זייא קאנען ניט צום ערשטין מאל אוים פירין וואס זייא ווינצין חען זייא מאכין ניט גוט אויף איינער שטעלע גייען זייא ווייטער, אונ אזוי איז געוועזין, דיא טערקין האבין אויף איין ארט ניט פערבראכט ביז זיי זאלין איינע עפענונג מאכין, אין וואל אדער אין איין טויער, אבער זיי האבין אן געהויבין ווידער מיט גרויס שטורם פון אלע זייטין צו פייערין, זיי האבין ארום געקרייזט דיא גאנצע שטאט אונ האבין געזעהן צוא בעשרעקין אלע איינוויינער, מיט פויקין אונ טרומפייטין מיט גרויס לארים אונ געשריי, מיט לויפין אונ מיט שיסין, כדי דיא שטאט לייט צו נארין אונ האבין איינע נידריגע שטעלע אוים געזוכט, אונ פלוצלונג זייען אהין איינע מיינגע סאלדאטין בעגלייטעט פון פאשא זעלבסט צו גיטראמין אונ מיט גרויש געשריי אונ לארים אללא! אללא! אויף דעם נידריגין וואל ארויף געקראכין אונ האבין אים צוטשעפעט, אונ אמייל פון זיי האבין אן געהויבן מיט זייער געווער

דיא

דיא טויערין צו ברעכין. דער גובערנאטער אבער, האט נאך פריער גיוואוסט פון דער שוואכע שטעלע, אונ האט דאס פריער פארזארגט, ער הט פון יענער זייט נאך אוואל גמאכט, מיט אלע זאכין וויא געהעריג בעפעסטיגט, אונ וויא נור דען טערקין האט עס גיגאלטין דעם טויער צו ברעכין, האבין זיי פון הינטין ווידער איין וואל באגעגינט, נאך מער בעפעסטיגט, מיט נאך גענויער ענטגעגין, אונ צו גלייך איילטין אלע פון שטאט מיט זייערע וואפען די טירקין ענטגעגען צו שטיין, אונ וויא נור איינער ווייזט זיך אויף דעם וואל ווערט ער גלייך געשאסען, געשאסען אדער מען שלעפט אים אוועק אין שטאט אלעבענדיגען, אונ די וועלכע אונטערין וואלל זיינען בעגיסט מען מיט געזאדענע וואסער אדער מיט הייסעם פעך, מען ווארפט זייא מיט שטיינער מיט זאמד מיט וואס נור מעגליך וועהרען זייא זיך דיא אונגליקליכע איינוואהנער.

אויף דיזען וואל צווישען דיא שטאט זייט איז גיוועזען יודיט מיט איר מאגד אבראהאמעק, זיא האט זייער שנעל זייערע אוס געשאסענע ביקסין ווידער אן גילאדין, אויך מיט שטיינער גיווארפין, מיט וואס נור זיא האט גיקאנט העלפין האט זיא פלייסיג גיהאלפין, מיט זידענדעם וואסער אונ מיט הייסין פעך האט זיא זייערע קעפף בעגאסין, איבער דער רויך פון דעם פולווער, אונ דעם שטויב פון דעם זאמד וואס אלע האבין גישאטין, איז אזוי גידיכט גיוועזען דאש דיא איין וויינער אויף דעם וואל איז אונמעגליך גיוועזען צו זעהן וויא איינציגע טערקין האבין פון איין זייט אויף דעם וואל בעשטיגין, אונ איין זייט וואל איז אין זייער מאכט גיקומען, צום גליק אבער איז דער גובערנאטער מיט פילע טאפפערע לייט אן גיקומען, אונ זיינען בעפאלין אויף דיא טערקין, דאן האט זיך די שטרייט אן גיפאנגען אויף דעם וואל, מער טערקין האט מען ניט גילאזט אויף דעם וואל ארויף גיין, מען האט זיך טאפפער גישלאגין, ביז דיא טערקין האבין גימוזט צו ריק ציען אומזיסט האט דער פאשא גישריען צו זיינע לייטע כען זאל ניט אנטלויפין, מען זאל דיא שטעלע ניט אפ טרעטין עס האט אבער ניט גיהאלפין, זייא איילין וואס גיכער נאך זייער לאגער צו קומען, דער זיעג איז ביי דיא איינוואונער גבליבין, עס וואר

שרעקליך



שרעקליך דער אויס זעהן פון דען גאנצין קריג פלאץ, ער וואר מיט טרופען באדעקט, דאס בלוט האט וויא איין טייך גירונען אויף דעם ווייסין שנייא, דאך אבער קעמפפען נאך איינינע איבער גיבליבענע טערקין אויף דעם וואל גאנץ טאפפער, פלוצלונג האט גיוואלט איין טאפפערע טערקע דען אבראהאמעק מיט זיין שווערד דורך שטעכין, אלס יודיט זיינע פרוי האט עס דער זעהען, שנעל האט זיא איין הויפין זאמד מיט שטיינער אויף גיהויבין אונ האט דעם טירקע אין געזיכט גיווארפין אונ האט אים פר בלענדעט זא שטארק, דש ער איזט גיבליבין שטיין אויף איין ארט, אונ זיא האט ביי אים גלייך זיין שווערד ארויש גירסין אונ האט גיווארפין איינע שלינגע אויף זיין האלז אונ שלעפטע אים גיפאנגען מיט זיך. זיעג! זיעג! הערט מען שרייענדיג פון אלע זייטין, דעם וואל האט מען שאן ריין גימאכט פון דען טערקין, אונ בעפרייט, פון אלע זייטין האט מען דעם פיינד גישלאגין, אונ פאר יאגט, דיא שטאט לייט האבין זיך עטוואס אויף גימונטערט, זייא זיינען עטוואס פריילינבער גיווארין. דער אבראהאמעק האט ערשט דער זעהען, וואס פאר איין טירקע זיינע פרוי האט אין פלען גינומען אונ זאגט צו איר, ליבסטע יודיט, וואס דארפסט דוא דעם טערקין הונד, וואש ווילשט דוא מיט אים טאן!? שאפפע אים אפ פון זיך, גיב אים איבער אונזערין סאלדאטין, אונ זיי וועלין מיט אים טאן, אלס מיט דען איבריגין טערקין, שוין האבין גיבליצט דיא שווערדין, וועלכע האבין אים גיוואלט דורך שטעכין, שוין האט יעדער פאלאק זיין צארין ערוועקט, פון זיין פיינד ראכע צו נעמען, אבער יודיט דיא גראסמוטהיגע פרוי, האט אויש גישריען, האלט! טהוט אים ניכט, ער איז דאך מיין גיפאנגענער אונ ער גיהערט צו מיר, ער איזט אונטער איינעם שוטץ רירט אים ניט אן. יא זיא האט רעכט האבין פילע גישריען, זיא האט אים פארדינט ער זאל איר שקלאווע זיין, אונ זיא האט אים גלייך גיבונדין דיא הענד וויא איין גיפאנגענעם אונ פירט אים מיט זיך נאך הויזע.

נאך דער שטרייט האבין דיא טערקין מער ניט גישטריטין מיט זיי, אונ אלע באלאגערטע האבין שוין גידיינקט אז זיי וועלין שוין אוועק

ציען

ציען פון זיי, אונ מען וועט שוין פריי ווערין פון אזוי איין שרעקליכין
פיינד, אבער דער פאשא ביא ביאלאפאל האט אויך אזו גיטאן וויא
דער אנפיהרער מיט דעם זאביסקי, אנשטאט צו שלאגין זיך, האט ער
זיך בעדאכט, ער זאל ליבערסט בעלאגערין די שטאט אויף איין לאנגע
צייט אונ אוים הונגערין זיי, אונ הט פון אלע זייטין ארום מיט סאלדאטין
בעוואכט, קיינער זאל צו זיי ניט קאנען אריין פארין אונ קיינער זאל ניסט
קאנען זיי עסין ווארג צו בריינגען, ביז זיי וועלין זיך אליין אונטערגעבין.

צום אונגליק האט ביא דער שטאט ביאלאפאל דער טערק גוט
גימאכט, וויל דער באראד איז גיווען אין שטאט זייער פיל, האבין זייא
ווייניג עסין ווארג גיהאט, אונ אין איין חודש ארום האבין זייא שוין
גיפילט, אז זייא פעלט עסין אונ טרינקען, אונ דער גובערנאטער האט
געפעלט דריבער, וואס ער האט גיזאגט, אז ער האט אויף איין גאנצעם
יאר אלע פריפאסין, אונ דער טירקע, האטש ער איז ניט גיוואוינט אויף
איינער שטעלע אלאנגער צייט צו פאר בריינגען, אבער דא האט אים
גיגאלטין זיי אוים צו הונגערין אין אקליינע צייט, דיא איינוואוינער האבין
שוין גיפילט מאנגיל אן עסין ווארג אונ אנדערע פרודוקטין, אונ עס איזט
גיוועזן יאמער איבער יאמער, זייא האבין שוין איר מוטה פאר לארין,
זייער האפענונג האט ביסלאך ווים איינע ענדע באקומען אונ פילן נעבאך
זייער באלדיגין אונטער גאנג, דיא שטאט זאל זיך דארפין אונטער געבין
אן שטרייט. דיא שיינע העלדין, דיא ליבעפאלע יודית אפרהאמעק
איז אויך גיזעסין אין אירע גימאלטע צימערין אומעטיג פאר קלאגט אזוי
וויא אלע איינוואונער פון שטאט, זיא איז גיזעסין אין אגראען קיטל
איינגיוויקילט אין איין ווינקיל פון איר זאל, זיא האט דעם גאנצין טאג
גיפאסט, גאט גיבעטין אום רעטונג! א גאט! האט זיא גיזאגט וויא פיל
טויזינדער מענשין, דיינע קלוגע באשעפענס בעטין דיך זיי זאלין חלילה
ניט דארפין אומקומען זא בארבאריש, זא מערדעריש פון אזעלכע ווילדע
מענטשין, וואס עס העלפט ביי זיי ניט קיין גיוויין אונ קיין יאמער, זייא
זיינען אזוי אנבארמהערציג אונ אזוי וויא דאס ערגסטע אויף דער וועלט
באגייען זיי זיך מיט דיינע ארעלע באשעפענס מיט דעם מענשין.

איר



איר שקלאווע דער גיפאנגענער טירקע איז גיזעסין אין דעם
צווייטין חדר אונ האט אלץ צו גיהערט וויא זיינע הערין קלאגט אונ וויינט
אונ בעט גאט אום הילפע, דא, איז ער פלוצלונג אריין צו איר אונ האט
זיך ביז דער ערד גיקניט הט אן גיהויבין רידן ליבליך אונ הערצליך מיינע
גיליבטע הערין, האט ער גיזאגט, ווארף אראפ פון דיר דיינע טרויער
קליידער, קאמע צו זיך, ווער אביסיל פריילכר ניט יאמער זא פיל, דוא
האסט ניכט וואס צו יאמערין, דוא האסט זיך ניט צו פארכטין פאר דיא
טערקין, דיר, דיינער פערזאן זיינען זייא ניט אים שטאנדע עטוואש
שאדין צו טאן, ווען אויך דיא שטאט וועלין דיא טערקין איין נעמען,
ווען אפילו זיי וועלין טייטין אונ ברעכין הארגענען אונ שטעכין אונ אלע
זייערע בארבארישע מיטלען אויף דעם נארד ערפילין, דאך דוא שיינע
בילד, דוא ביסט פון אלעם ביהיט, דער ליבע גאט האט דיר גליק
גישיינקט אונ שוינהייט, דער ווילדער, דער באזער, דער בארבאר,
אלע פאלין פאר דיר אונ דו וועסט צווישין זיי מיט גלייכעם הויפטע ארום
גייען, מיט שטאלץ וועסט דוא שטיין, דו ווירסט גיביטין אונ הערשין
דען דוא ביסט שיין אונ קלוג, גוט הערציג אונ טוגענדהאפט, קליידע
דיך אן אם שענסטין, ציערע דיך אויש אם העכסטין, אונ גיי פריי אונ
פריילך אונ זויא באלד אונזר פאשא וועט דיך זעהן וועט ער זיין אויג אויף
דיר ווארפן, גלייך פאלט ער צו דיינע פיס, ער שאפפטע דיר אלעם
וואס נור דוא וועסט ווינצין, ער ווירד ביא דיר זעלבסט שקלאווע זיין,
מיט עהרע וועט ער דיך נעמען אין זיין הויז, אין דער טירקיי, ער פירט
דיך אהין וואו קיין ווינטער איז ניטא, וואו גאט האט דעם געגענד מיט
אלע הערליכסטן גשיינקע גבענצט דארטן וועסטו אנדערעס לעבן פירן,
א פרעהליכעם לעבין אלם היער אויף דען קאלטין געגינד אונ שניי.

יא, גיווים איך וועל דארטין ביא אים זיין איין שקלאווין, איך
וועל דארטין לעבין וויא אלע שקלאווינען, זאגט דיא יודית.

ניין! ניין! האט דער טירקע-אוים גישריען, איינע גיביטערין
וועסטו זיין, שקלאווין אונ שקלאווינען וועלין דיך בעדינען.

דיא שיינע יודית בעקלערטע זיך איין ווייניג, אונ פלוצלונג איזט

זיא

זיא אויף גישטאנען אונ קוקטע אירין שקלאווין אין דיא אויגען, אזו וויא
זיא פארשטע אים אויס, אויב ער זאגט דאס מיט וואהרהייט, אונ זאגט
צו אים, פעלסט ניט אין דיינע רייד דוא רעדסט דאס מיט קלארין זינען?
דוא ביסט זיכער אז וויא נור דער פאשא זאל מיך זעהען, וועל איך אים
גלייך גיפעלין? דאס איך וועל מיט מיינע שיינהייט זיין טיראניש הארץ
ערוויכין? אונ ער וועט מיר גינייגט זיין, וויא דוא זאגסט מיר.

א! דוא שיינע בילד, איך זאג דיר דיא וואהרהייט אן פאלשקייט,
דער פאשא אליין וועט דיין שקלאווע זיין, וויא באלד נור דו וועסט געפעלין
אים אונ ערבארימע זיך איבער דיך אליין.

איז דער פאשא נאך איונגער מענש? פראגטע יודיט.

ער איז איין יונגער, איין שיינער אונ איזט איין גרויסער העלד,
ער איז שטיין רייך, ער באזיצט זייער פיל גיטער, מער אלס טויזנד
שקלאווין גיהערין אים אונ גיהארכין אים.

גוט, האט יודיט גיזאגט, ווען איך האב נור האפין אויף בעסער,
אונ איר טרויריגעס גיזיכט איז עטוואס פריילכער גיווארין, זייער רעכט,
איך גלויבע דיר אונ הער נור וואס איך וועל דיר זאגן, ווען דו ווילסט דיא
פרייהייט פערדינען, אונ דאצו נאך איניגע גאלדשטיקע, זא בעט איך
דיך טוא מיר דיא גיפעליגקייט אונ גיי מיט מיר צו אייערע לאגרין אונ
זאלסט מיך פאר שטעלין פאר אייער פאשא, אונ פאר דאס איבעריגע
לאז מיך זארגין איך וועל שוין מיט אים אליין וועגין אלעס ריידין.

אבער דיין הער, דיין מאן, ער וועט זיך דער וויסין וועט ער מיך
גיוויס טויט שלאגין, פאר אזו אזינדע.

ער וועט פון דעם נישט וויסין, אונ ער זאל נישט ערפארין איך
וויים אוועג אונטער דער ערד, וואס וועט אונז שטילער הייט פון שטאט
ארויס פיהרן, מיר וועלין ביידע דורך דר הייל אנטלויפן אונ איך טראכט
וואס צום גיכשטן, נאך היינטיגע נאכט זאל דאס געשעהן, וויא מיינסטו
דארף דאס אזו ניט זיין? איז דאס רעכט אז איך זאל דא פון הונגער
דארפין שטארבן?, מיר דאכט זיך אז איך וועל מיין גליק נאך מאכין,
וואו איך וועל זיין, וויא מיינסטו דוא.

גיוויס



גיוויס זאגט דר שקלאווע גאר אן ספיקות.

אלזא, זיי זע דו אן גיברייט אויף זיין אין אבינד, אונ שטילר הייט
איז זיא אוועק גגאנגן פון אים אין איין אנדר צימר אונ הט זיך גנומן צו די
גיפעט ביכער אונ האט אנגהויבן צו יאמערן אונ צו קלאגן גאר אן אופהער.

אלס עס איז נאכט גיווארין, האט זיא אפ געפאסט, זיא האט
געשמאק געגעסן אונד האט אויס געטרונקען אגלאז שטארקען ווין,
איר שוואכעס הערץ צוא קרעפטיגען, זיא האט זיך גאנץ ריין אונ
ציכטיג געוואשען אונ האט איהרע טהייערסטע קליידער אן געטאן,
איין ברייטע קלייד פון ווייסע זיידענציייג מיט שנירלאך פעריל אויס
גיהאפט האט איר שלאנקען קערפער ארום גיוויקעלט, איבער דער
רייכער קלייד האט זיא איין אויבער וואורף פון גאלד געצירט אונ מיט
טהייערין דונקעלין סויבל פעלץ אונטער גישלאגין. איהרע ביוסטע
שיינט נאך מער רייצענד פון דעם דונקעלן סויבעל פעלץ. איהרע
זעלטענשאנע געזיכט לייכטעט אלס דיא העלע זאנע אין מאי טאגע,
די פיס האט זיא נאך מיט רויטע גאלד געשמיקטע טורקישע פאנטאפעלן
גיצירט אונ אויף איר שאנעם הויפט אין דען דונקעלן לאקען בליטצען
פערלען, רובינען אונ שמאראגדען פון אונשאטצבארען ווערט געשטעקט
אזו געצירט איז זיא אין דער שטיל אין מיטען נאכט, אוועק גיגאנגען
מיט איהר שקלאווען פון דער הינטער טיר, זיא איז גלייך צום
גובערנאטאר גיגאנגען צום שלאס, אין איינעם גראהען אויבער קלייד
איין געוויקילט. דער גובערנאטאר האט זיא זייער פריינדליך אויף
גינומען; אונ זאגט צו איהר, וואס ווילט איהר שאנע יודיט, העלדען
מוטהיגע פרויא, וואס פערלאנגט איר, גיוויס האט איר מיר עטוואס
גוטעס אן צו זאגין? דען אגוטער מענטש; בריינגט אימער גוטעס
מיט זיך. געבע גאט אייער שפריכווארט ערפילט צו זעהען, דאס איז
גיוויס אויך מיין וואונש גוטעס צו טאן אונ גוטעס צו ערפילען, זאגט
יודיט, דאס ווינשע איך. אונ אלזא מיין הער! איך קאן ניט מעהר צו
זעהען דעם עלענד פון דער שטאדט, מיין הערץ איז צו וייך צו צו
זעהען איהר אונגליק, וואס שוין פיל פון הונגער אויס געהען, דיא

פערצוויפלונג

פערצווייפלונג פון מיינע ברידער ברעכין מיר דאס הארץ, דער אונגליק
פון אונזער געמיינדע יאמערין מיך זעהער, זייער יאמערין אונ קלאגין
ברייננגען מיך אויסער זיך, אונ אלזא הערט וואס איך וועל אייך זאגין,
וואס פאר איין פלאן איך האב אויס גיטראכט וואס פאר איין ראטה איך
קלער... איך וויל גיין גלייך צום פאשא, איך וויל מיך אפפערין פאר
דאס גוטץ פון דער שטאדט אונ איך וויל אלימען רעטען, אונ בפרייען,
איך וויל דעם פיינד פון זייא אוועק פיהרען אונ זייא בערוהיגען. וויא
דאס ריינע מיטלליידיגע הערץ אין מיר הייסט.

דער גובערנאטאר האט זיך זייער דער שראקין אונ פרעגט ביא
איהר, וויא קאנט איר דאס?, וויא אזו וועט איהר דאס אויס פיהרען?
וואס פאר איין פלאן אונ וואס פאר איין ראטה איז דאס? : פרעגט ביא
מיר ניט מיין פלאן, פארשטעהן זייא מיך ניט אויס, זאגט יודית, איר
לאזט נאר מיך גיין, איך זאג אייך, איך בשווערע אייך גינאדיגער
הער, איר זאלט מיר היינטיגע נאכט דיא קליינע טהירע וואס פיהרט
צום וואלד עפענען, דיא אונטער ערדישע גאנג ערלויבין, אונ מיט
גאטעס הילפע, וועל איך ראטעווען דיא שטאט, איך וועל מיט זיינער
הילפע בעפרייען איהרע איינוואוהנער.

דער גובערנאטאר האט נאך ניט איין געשטימט אונ האט ביא
איר גיפרעגט: וויס אייער מאן פון דעם פלאן, וואס איר ווילט טאן?
האט ער אייך ערלויבט? האט ער אויך מיט אייך איין געשטימט אייער
ענטשלוס? מיין מאן וויס נאך ניט, זאגט יודית, דאך טאר ער מיך
ניט אפ האלטין פון דעם וואס איך וויל, ווייל איך וויל נאר טאן גוטעס,
וואס דעם ליבען גאט איז גיפעלין אונ לייטין. ערלויבט מיר מיין הער,
דאס איך זאל אין אייער געגענווארט, מיט איהם וועגין דעם ריידין,
אונ ביא איהם ערלויבעניס צו בעקאמען?.

דער גובערנאטאר האט איהם גילאזין רופין צו זיך — אונ דער
אבראהאמעק איז באלד גיקומען, אונ וויא ערשראקין וואר ער אלס
ער האט דארטין ביא דעם קריסטין אין הויז זיינע שאנע יודית דער
זעהט אונ נאך אזו אויס געצירט, זא שפעט אין דער נאכט. ער קוקט
אויף



אויף איר גאנץ פערדראסיג אונ מיט אונגעדולד ווארטעט ער צו הערען
אויף וואס האט מען איהם נאך אהער גירופין — אונ וויא ער האט דער
הערט איר שרעקליכען וואונש, אז זיא וויל זיך אפפערין פאר דער
שטאדט, זיא וויל גיין צום פאשא, זאגט ער גלייך, אז ער שטימט
ניט איין אויף איר פלאן אונ פון גרויס צארין אונ פערדרוס האט ער
אן גהויבין צו וויינען, ער האט זיך גיווארפין איהר צו דיא פיס, ער
בעט זיא ער יאמערט, ער וויינט לויט זיא זאל פון איר פלאן אפ שטיין,
דוא ביזט דאך פאר געוויס פון מיר פערלארען זאגט ער. אבער זיין
בעטין איז אומזיסט, זיא בלייבט ביא דאס איהריגע.

דער מאן האט איהר אלזא אן גיהויבין צו שילטין, ער הייבט
אויף איהר זיין שווערד, ער שרעקט זיא מיט דעם טאדט, אבער זיא
ענטפערט איהם גאנץ רוהיג, טהוא וואס דוא ווילסט, עס בלייבט ניט
אנדערש, איך גייא צום פאשא, איך וויל איהם בעטין פאר דער שטאדט
מיט איהרע איינוואוהנער, איך וויל אונ מוס דיא שטאדט רעטען,
אזו זאגט מיר מיין הערץ. וואס טראכטסטו זעלכע דומהייטען אויף מיר,
האב איך דיר ניט געליבט אלס מיין לעבין? בין איך דען ביז אהער
דיר ניט גיוועזין איין טרייעס ווייב? אויך יעצט בין איך דיר טרייא...
נאר יעצט וויל איך דעם ווילין גאטעס ערפילען, ער הייסט מיר אין
מיינעם הערצען גוטעס טאן אונ איך בין שולדיג מיט אלע מיגליכקייט
אויס צו פיהרין וויא ווייט איך קאן אזו פיל מענטשין צו ראטעווען,
וועלכע אין העכסטין אונגליק שטייען פאר הונגערט צו ווערין אונ פון
דעם פיינד גיפאנגען צוא זיין, אונ איך האפפע מיט גאטעס הילפע
מיין וואונש אויס צו פיהרען. ניין! ניין! איך לאז דיך ניט, איך
וויל דיך ניט פאר לירען, מיין ליבעס ווייב, ווייל וויא נאר דער פאשא
וועט דיר דער זעהען, ביסטו שוין פון מיר גערויבט, איך וועל שוין
מעהר ניט זעהען מיינע גוטע אונ פרומע יודית, מיין שיינע פרויא
פאר מיר איז שוין דיא וועלט פערלארען, דיר שמייכלט עס איינע
געביטערין צו זיין, דיא גרעסטע מאגער וועלין צו דיינע פיס פאלין,
אונ איך וועל מוסען מיין לעבין אין עלענד פיהרען, ניין! ניין! איך
ערלויבע

ערלויבע דיר ניט, דוא זאלסט ניט גיין צום פאשא, איך לאז דאס ניט אויף קיין ארט.

דיא פרומע אונ גוטע יודיט האט זיך פון זיינע רייד זייער בעליידיגט, אונ אלס זיא זעהט אז ער גלויבט ניט איר פלאן, האט זיא זיך פון אים גאר אפ גיקערט, זיא האט אים פערראכטעט אונ הענדעט זיך צום גובערנאטאר אונ זאגט צו אים: מיין הער! היער בשטייט אין מיין אונטער נעמען איינע גרויסע שטארט צו ראטעווען, טויזענדער איינוואהנער דעם לעבען צו שיינקען, ווען דער ליבער גאט זיינע גינאדע אונז געבען ווירד. אונ דרום מוסען אלע אייערע גידאנקען אין דער שטיל בלייבין, איר ברויכט נאר צו דיינקען וועגין דעם פלאן וואס איך האב ביא זיך, אונ ווען מיין מאן דער דומער מענטש, דער וואהנזיניגער וויל עס ניט לידין איך זאל צום פאשא גיין, זא פאדער איך פון אייך, איהר זאלט אייערע שולדיגקייט ערפילען, אלס איהר ליבט אייער פאטער לאנד מוזט איהר מיר דריין העלפין, איהר זאלט מיין מאן היער פעסט האלטין, ביז איך וועל נאר דורך דער עפענונג דורך גיין. אונ שנעל האט זיא דיא טיר גיעפינט, האט גלייך אריין גערופין דיא וואבע אונ האט זייא שטריינג פאר זאגט פאר דעם גובערנאטאר אין דיא אויגין אז זייא זאלין נעמען איהר מאן אונ אוועק פיהרען איהם גלייך אין טהורם הויז אונ בעוואכין איהם, ביז דער גובערנאטאר וועט ערלויבין אים ארויס צו לאזין, זאלדאטין האבין גלייך איר פערזאג ערפילט זייא האבין אים מיט גוואלד גינומען אונ האבין אים אוועק גיטראגין אין קערקער, ער האט גישריען, ער האט זיין פרויא גישאלטין, אבער עס האט אים קיין זאך ניט גיהאלפין.

יעצט קאנסטו אין גאטעס נאמען גיין, דוא דרייסטע יודיט, זאגט דער גובערנאטאר, איך זעה שוין פארויס אז איר זייט גיבאהרען אלעס צו בהערשען, איהר ווערט אויך גיוויס מיט גאטס הילף שנעל מיט דעם טירקען הונד פערטיג ווערין, אונ אייער ציל וועט איהר אויס פיהרען. גייט גייט! אונ דער ליבער גאט זאל אייך צו הילפע זיין.

נאך האלבע נאכט, דער מאנד האט גשיינט, עס האט גיהערשט

איינע



איינע שטילקייט אין גאנצין געגינד, מען הערט נור פון שטאט זייער יאמער זייער גיוויין, זייערע גיבעטע צום הימל, ער זאל זיך דר בארמען איבר זיי, ער זאל זיי שיקין א העלפער, פון אזעלכע פיינדע צו ראטעווען.

צו דער זעלביגער צייט האט זיך אין וואלד גיעפינט אמיר פון דער ערד אונ עס זיינען ארויס גיקראכן צווייא פאר וויקילטע גישטאלטן, דאס זיינען גיוועזן יודיט מיט איר שקלאווע, וועלכע זיינען גישווינד פאר דער ליכטיגער לבנה שיין צו דיא לאגערין גיגאנגען אונ גלייך צום גיצעלט פון דעם פאשא, ביא דעם פאשא איז גיוועזן איינגיפירט אז אלע טאג אין דער פריא האט ער גישעפט זיינע לייט, עס איז אויף דער ערד איין שווארצע בערענפעל גיוועזן אויס גישפרייט, אויף איר איז גישטאנען אקאנאפע וואו דער פאשא מיט זיינע גרויסע גענעראלין אונ אפיצירין זיינען גיזעסין, אלס דיא יודיט מיט איר שקלאווע זיינען דארט צו גיגאנגען, איז איר ערשטע בליק אויף דעם פאשא גיפאלין אונ האט זיך זייער פארוואונדערט זעהענדיג, וויא שיין אונ עדעל ער ווייזט: אויש זיין שיינער גיזיכט מיט איינעם שווארצבערענן בארד ארום גיוואקסין, זיין אנזעהען האט איינע גרויסע אנציהענדעם קראפט פאר פרויען. דאס גלייכין, האט אויך דער פאשא דיא שיינע יודיט דער זעהען, ער האט זיא אויך מיט ערשטוינען אונ מיט וואהל גיפאלין רעכט באמערקט, איינע לאנגע צייט האט ער דיא אויגין פון איר ניט אראפ גינומען, זיא איז אים גלייך אין הארצין איינגעבאקין גיווארין, ער האט צו איר גיוואונקען זיא זאל צו אים נעהנטער צו גיין. יעצט איז איר שקלאווע צום פאשא צו גיגאנגען, ער האט זיך צו זיינע פיס גיווארפין, אונ האט אים דער ציילט וויא ער האט דער שיינע יודיט איבער גירעט זיא זאל מיט אים פון דער בעלאגערטין שטאט אנטלויפין זיא האט זיך ניט צו שרעקין, דער פאשא איז אגוטער, אטוגענדהאפטער מענש. דאמאלס איזט דיא יודיט נאהענט צו גיגאנגען צום פאשא, זיא האט זיך גינייגט צו אים אונ האט אים בעגריסט, אונ דער פאשא קוקט אויף איר אונ באוואונדערט אירע שיינהייט, זיא האט אים רעכט פארבלענד מיט איר קאמפלימענט ער האט גלייך זיין שאצמייסטר גירופין אונ האט גיהייסין דעם שקלאווע

איינגע

איינגע גאלדשטיקע דער פאר געבין, אונ זיא האט ער גאנץ פריינדליך גיבעטין - זיא זאל אזו גוט זיין אונ גיין אין זיין גיצעלט אונ אויף אים דארטין אנווייל אויפווארטין, ביז ער ווירד דיא אלע גיריכטע דא ענדען. אלס ער האט זיין גישעפט גיענדעט, איז ער צו זיך אין גיצעלט אוועק גיגאנגען אונ האט זיך אויף זיין קאנאפע אוועק גיזעצט אונ רופט צוא זיך דיא יודיט צו, וואס ווינצט דוא פון מיר צו בעטין, אונ וואס פאר לאנגסט דוא דוא יודין פון פאלין, דוא ווינצט אז דו זאלסט מיר גיפעלן?.

יא! מיין הער, הט זיא מיט איינר גיפעליגער נייגונג גיענטפערט.

וויא רופט מען דיך, האט גיפרעגט דער פאשא.

מיך רופט מען יודיט! זאגט זיא.

וואס טרייבט דיך אהער ליבסטע יודיט, מיינע נייגונג אונ מיינע בעשיטצונג צו געווינען, האט דער פאשא געפרעגט, די פורכט פיר דיין לעבען? אדער די געוועהנליכע געפעליגקייט פון פרויען?

קיינעס פאן ביידע אנטווארטעטע דיא קלוגע יודיט.

אלזא בין איך נייגעריג צו וויסען עטוואס אנדערס?

מיין העיר אונ געביטער האט זיא מיט פיינער קאמפלימענט אוים גירופין, מען האט מיר גיזאגט, אז דוא ביזט איין אדעלמאן, אונ מיט אלעמען באגעהסט דוא זיך זייער פיין, גראסמוטהיג אונ ליבליך, מיט די וועלכע פאן דיר גנאדע בעטטען, אונ זא בין איך געקומען פאן דיר צו בעטען פיר מיין שטאדט אונ פיר מיין פאלק פאלען.

פאר וועלכען פרייז? פראגטע דער פאשא, וואס פיר אלאהן בעקום איך דיר פאר וואס איך וועל בעפרייען דיין שטאט? מיט וואס וועסטו מיר בעצאלין אלע מיינע קאסטען, וועלכע איך האב שוין אוים געבראכט.

איך זעלבסט וועל דער לאהן זיין, האט דיא שיינע יודיט גאנץ שטאלץ אונ פריליך געענטפערט.

שעצט דו דיך אזו הויך? ביזטו אזו טייער? זאגט דר פאשא,

אלע רופין מיך אן דיא שיינע יודיט, זאגטע זיא שמייכלענדיג.

נא דוא ביזט שיין! זייער שיין.

נון איז איין שיינע ווייב ניט איין גוטער לאהן? פיר איין העלד,

פיר



פיר איין מאכפערין מאן ווא דוא ביזט, פראגטע יודיט.

דוא פארגעסט אבער מיין פריינדין, אז דוא ביזט דאך אין מיין לאגער זאגט דער פאשא, אונ ביזט אין מיינר האנד.

ווען דוא דענקסט אזו, דאס דוא ביזט היר איין בעהערשער, אונ ווילסט ביט מיט מיר עדעל בעהאנדלען, וויא מען האט מיר דיך פארגעשטעלט, זאגט יודיט, אלזא האסטו גאר מיט איינער שקלאווין מער, וועלכע דיך האססען אונ פערפלוכען, מיר דוכט זיך אזו אמאן וויא דו ביזט ברויכסט די ווייב נאר דורך ליבע צו געווינען, אונ ניט מיט געוואלד נעמט אזעלכע ווייב. דר פאשא בעוואונדערט אירע רייד, אונ זאגט דוא ביזט איין קלוגעס ווייב, דוא ביזט געבארען פאר איין פאשא איין ווייב צו זיין, איך ליבע דיך אונ דוא ביזט מיר זייער טייער.

דאס הייסט עס דו ליבסט מיך? האט יודיט געפרעגט, מיט וואס האסט דו מיך שאן געוואונען? ברויכסט פריער בעמיהען זיך מיר צו געפעלען, איך זאל דיך אויך פון מיינער זייטע ליבען. דר פאשא לאכט זיך אויס אונ זאגט, ביי אונז אין טירקייא איז ניט אזו דער געברויך ליבע צו געווינען, ליבע צו בעטען דער פרוי צו געפעלען, מיר נעהמען מיט געוואלד דער געליבטע אונ זיא מוס איינשטימען.

דאס איז גליך אזו וויא דיא רויבטהירע ליבען זייער פאנג, אזו וויא דער לייב דיא שאפע ליבט, ער צו רייסט אונ צערפלייישט עס — דאס הייסט מען ביי אייך ליבע? דאס הייסט אנגליקליכער לעבין פון איין רייכען מאן פון איין פאשא? —

דוא רעדסט זייער גוט אונ קלוג זאגט דער פאשא, דוא ערקלערסט ריכטיג, דוא קלוגע יודיט, דו האסט רעכט, אלזא בין איך דיר שוין בעצייגט, דו זאלסט ביי מיר איינע פירסטען זיין. —

נאך ניט דאס איז עס וואס איך פערלאנג פון דיר, זאגט צו אים יודיט, דוא דארפסט נאך פריער מיין וואונש ערפילען.

דוא דינגסט זיך נאר מיט מיר, האט ער מיט בייזען אויס געשריען דוא האסט נאך פון מיר צוא פאדערין האט ער מיט באזען בליטצענדען אויגין אוים געשפראכין, רייצט זיך מיט מיר? — קיין

ווארט

ווארט זאל איך פון דיר מעהר ניט הערין, דוא זאלסט וויסין אז דוא ביזט אין מיינער מאכט, דוא ביזט שוין מיינע אונ בלייבסט פאר מיר בשטימט, אונ זא ריידענדיג לויפט ער צו איהר אונ האט זיא גיוואלט ארום נעמען — אבער יודית האט שנעל ביא אים דעם שווערד פון גארטיל ארויס גינומען אונ שרייט צום פאשא: האלט! שטייא אפ פון מיר, וואגע דיך ניט מיך צו בעריהרען, זאנסט שטעכע איך דיך אויף דער שטעלע טאד. — דער טירקע איז גיבליבין פאר וואונדערט שטיין, איינינגע מינוטען זאגט ער, זעלטענעם וויב, זעלטזאמעם פרויא! דוא ביזט דיא געטין פון ליבע אונ דער צו נאך טאפפער אונ קלוג, — גלייך האט ער צו זיין דינער אן געקלונגען אונ האט אים פאר זאגט, ער זאל איין שיינען גיצעלט פאר דיזער שיינער יודית גלייך אויף שטעלין, אונ איהר איינינגע פאלנישע פרויען צו שטעלין, זאלין איהר בעדינען, אונ אליין איז ער אוועק פון איהר פרייליך אונ שטאלץ, אזו וויא ער האט איינען שאטץ גיפונען. — דיא יודית איז אין דעם נייען גיצעלט אוועק גיגאנגען אונ דעם שווערד וואס זיא האט גיהאלטין האט זיא מיט זיך גינומען. אויף מארגין אין אבענד אלס דער פאשא איז גיקומען צו יודית מיט איהר צו ריידין אונ איהר צו גיפעלען אונ איז צו איהרע פיס גיזעסין, האט מען פלוצלונג פאר זייא איין גיפאנגענעם מענטשין גיבראכט, דאס איז גיוועזען דער אבראהאמעק, יודיטס מאן, פון גרויס פאר דרוס אונ הערצלייד, וואס זיין יודית האט אים אוועק גיווארפין, אונ אן זיין ווילין איז זיא צום פאשא אוועק גיגאנגען האט ער זיך פון דער וואך ארויס געריסען אונ איז אנטלאפין. פון שטאדט אונ איז אין אלע לאגערין ארום גילאפין אונ האט גיזוכט דעם פאשא מיט זיינער פרויא זייא ביידין צו טאדטען — אלס יודית האט אים דער זעהען, איז זיא זייער דער שראקין גיווארין אונ איהר געזיכט איז בלאס גיווארין וויא אטויטער מענטש. דער פאשא האט זיך זייער פאר וואונדערט קוקענדיג אויף איהר —

נאכדעם אלס דער פאשא האט איהם אן גהויבין אויס צו פרעגין וואס ער וויל, איז דער אבראהאמעק מיט גרויס צארין אויף גישטאנען,

ער



ער איז צוא גישפרונגען צום פאשא אונ האט איהם מיט זיין שווערד גיוואלט דורך שטעכין ... דער פאשא האט זיך זייער דער שראקין, בליטצשנעל איז ער אפ גישפרונגען אן אזייט, גלייך האט ער דעם אבראהאמעק גיווארפין צו דער ערד אונ האט איהם צו טראטין אונטער דיא פיס — דיא סאלדאטין האבין אים פעסט דיא הענד געבונדין אונ ער ווארט שוין אויף זיין משפט, מיט וועלכער טאדט ער וועט שוין דא דיא פינסטערע וועלט איבער לאזין. אונ פון צארין אונ פאר דרוס אויף זיין שאנער יודית שרייט ער צום פאשא, זעה דוא מערדער וויא גינארט דו ביזט, ווען דוא האלסט ביא זיך, זיא איז דאך גיקומען צו דיר דיך צו טאדטען — געגען מיר האט זיא געזינדיגט אונ דיך וויל זיא אויך פון דער וועלט אומבריינגען. דער פאשא קוקט אויף יודית פערוואונדערט אונ פרעגט קענסטו דיזען מענטשין?

וויא זאל איך אים ניט קאנען, ענטפערט יודית גאנץ רוהיג, דאס איז מיין מאן, פון פערדרוס אונ פון צארין אויף מיר, וואס איך בין צו דיר איבער גיגאנגען, איז ער גיקומען אהער אין לאגער אונ ווינשט אונז צו טאדטען. —

אבער וואס זאגסטו וואס ער בשולדיגט דיך? פרעגט דער פאשא.

ווען איך וואלט האבין אין מיין גידאנקען דיך צו טאדטען, האט יודית גיענטפערט, צו וואס האט ער עס גידארפט? ווער האט אים געטריבען צו אזעלכע בייזעם —

קלוג גיענטפערט האט גיזאגט דער פאשא, איך גלויב דיר מיין הערץ, מיין שאנע יודית, זייא רוהיג אונ שרעק זיך ניט, אונ דער פאר וואס דער דומער מענטש האט דיך בשולדיגט גיב איך דיר אים איבער, דוא זאלסט מיט דיין פערשטאנד אים זיינע שטראפע אויס קלערין וויא ער איז ווערט.

דיא קלוגע יודית מאכט זיך, אזו וויא זיא טראכט עטוואס אויס איינע שטרייננגע שטראפע, אונ זאגט מען זאל איהם מיט פייער לאנגזאם ברענען אונ צו ביסלאך ווייס אפ שטארבין לאסען.

דער אבראהאמעק קוקט פאר טרייסעלט אונ פאר ציטערט אויף

זיין